

# תורת אביגדור

## פאר קינדער

באארבעט פון די שיעורים
פון הרה"ג ר' אביגדור מיללער ז"ל

### פרשת כי תבא

# פערציג טעג
# און פערציג יאר

### פרנס השבוע

לכבוד בני החשובים והיקרים

כמר **אהרן יודא** און **אלי-הו שלעזינגער** ני"ו

מיט ליבשאפט,

פון אייער טאטע

## פרשת כי תבא

# פערציג טעג און פערציג יאר

"שלום עליכם בתי'," האט שבע אויפגענומען איר חבר'טע, "ווי אזוי איז געווען דיין נסיעה קיין ארץ ישראל?"

"אוהא, ס'איז געווען געוואלדיג!" האט בתי' אויסגערופן פייערליך, "איך האב דריי ווערטער דאס אפצומאלן, הייליג, הייליג, הייליג! די מקומות הקדושים, די מאה שערים געסעלעך, די אינגלעך מיט די לאנגע פאות, די פרויען מיט די צניעות'דיגע לבוש, ס'איז געווען הערליך דאס צו באטראכטן."

"ס'הערט זיך טאקע הערליך," האט שבע געזאגט ווען די אנדערע מיידלעך רינגלען ארום בתי'ס טיש זיך איינצוהערן, "דערצייל אונז נאך," האבן זיי זיך געבעטן נייגעריג.

"קודם זענען מיר געפארן צו קברי צדיקים," האט בתי' אנגעהויבן איר שילדערונג, "מיר האבן מתפלל געווען אז מיין שוועסטער, צירי זאל שוין א כלה ווערן."

"ווארט א מינוט," האט רייזי איבערגעהאקט דעם שמועס, "ענק זענען נאר געווען איינמאל? דו ווייסט אז דאס ארבעט נישט. איינמאל איז גארנישט ווערד..."

אלע האבן זיך אויסגעדרייט צו רייזי, "וואס מיינסטו צו זאגן דא?!"

"וואס הייסט, דו ווייסט נישט? מען דארף דאווענען פאר פערציג טעג אז דער איבערשטער זאל ענטפערן אויף דיינע תפילות," האט רייזי געענטפערט.

"ניין, ס'איז נישט אמת!" איז אסתי געווען אנטשלאסן, "פון וואו נעמסטו דאס?"

רייזי האט פלינק ארויסגעצויגן א בלאט פון טאשקע, אויפן קעפל איז געשטאנען, 'תורת אביגדור פאר קינדער'. "קוק דא שטייט אז דער רב פון תפיסה האט געזאגט פאר צדוק 'הצדיק' אז משה רבינו האט געדאוונט פאר פערציג טעג אז השי"ת זאל ענטפערן אויף זיינע תפילות."

"אקעי, אבער דאס מיינט נישט אז איין איינציגע תפילה איז גארנישט ווערד," האבן די אנדערע קינדער פראטעסטירט. דא איז דער שמועס ארויף אויף הויכע טענער ווען יעדע צד זאגט זיין שטעלונג. רייזי האט ארויסגעצויגן אלע סארטן בלעטער און ספרים צו מאכן זיכער אז יעדער אנערקענט אז זי איז גערעכט.

"קוק וואס דא שטייט," האט זי געפאכעט מיט א צדקה בריוו פון 'קופת העיר'. "ס'שטייט דא אז אויב מען איז מנדב געלט פאר זייער צוועק וועלן א קבוצה תלמידי חכמים מתפלל זיין פאר דיר פאר פערציג טעג! און ווען מיין ברודער האט גע'חזר'ט מסכת תענית האב איך אים געהערט לערנען אז אויב ס'רעגנט נישט פאר פערציג טעג הייבט מען אן צו מתפלל



זיין ספעציעלע תפילות אויף רעגן. פון דא קען מען קלאר זען אז פערציג טעג האט צוטון מיט תפילות."

פונקט דאן האט לערערין מרת בערגער אריינשפאצירט אין קלאס.

"א גוט מארגן מיידלעך," האט זי באגריסט די קינדער מיט א שמייכל. "איז אלעס אין ארדענונג?" עס הערט זיך ווי עפעס גרויסארטיג קומט דא פאר..."

די מיידלעך האבן מיטגעטיילט מיט די לערערין איבער די הייסע דעבאטע, ווען זי הערט זיי אויס מיט אינטערעס. דאס איז זייער א וויכטיגער ענין וואס מען דארף קלאר מאכן.

"מיידלעך, זעצט ענק אלע אראפ און מיר וועלן, מיט'ן אויבערשטנס הילף, צענעמען דעם ענין.

קודם כל דארף מען וויסן אז דער אויבערשטער לעכצט אוןווארט אויף יעדע קליינע תפילה פון א איד. אפילו נאר איין איינציגע תפילה, פון איין טאג איז זייער חשוב און זיכער האט מען גע'פועל'ט."

רייזי'ס האנט איז גלייך געפלויגן אויף ארויף אז איר אקסל איז שיעור ארויס פון פלאץ.

"יא רייזי, וואס ווילסטו זאגן?"

"אבער 'תורת אביגדור פאר קינדער' פסק'נט אז מען דארף מתפלל זיין פאר פערציג טעג. און וואס איז מיט 'קופת העיר' און מסכת תענית?"

"פאר אלעם, 'תורת אביגדור' פסק'נט נישט קיין הלכות. פאר יעדע שאלה דארף מען פרעגן א רב," האט די לערערין קלאר געמאכט, "דאס איז א גליון מיט מעשיות און משלים פאר קינדער, זיך צו לערנען פון די לימודים פון הגה"צ רבי אביגדור מיללער ז"ל. דאס איז

זיכער נישט געמאכט געווארן ארויסצונעמען פסק הלכות פון צווישן די שורות. און אפילו מיט אנדערע זאכן דארפן מיר זיין זייער פארזיכטיג ווען מען לערנט, זיך נישט צו פארדרייען דעם קאפ. און זיכער דארף מען געדענקן אז פרויען פסק׳ן בכלל נישט קיין שאלות.

אין די וואכעדיגע סדרה לערנט אונז די תורה אין פסוק, ״**וְלֹא נָתַן ה׳ לָכֶם לֵב לָדַעַת וְעֵינַיִם לִרְאוֹת וְאָזְנַיִם לִשְׁמֹעַ עַד הַיּוֹם הַזֶּה**״ (דברים כט, ג), דאס מיינט אז עס האט גענומען פאר עם ישראל פערציג יאר צו פארשטיין מתן תורה. פארוואס זאגט אונז די תורה דאס?

״זאגט די גמרא אז די תורה וויל אונז דא לערנען אז בלויז לערנען פון א ספר איינמאל מיינט נאכנישט אז מען האט דאס פארשטאנען. אפילו ווען מען ענדיגט גאנץ ש״ס ווערט מען נאכנישט אטאמאטיש א תלמיד חכם. צו קענען ריכטיג פארשטיין די תורה דארף מען צום וויניגסטן פערציג יאר לימוד התורה מיט א רבי. פאר דעם זאל מען זיך נישט איינרעדן אז מען פארשטייט עפעס.״

רייזי האט אויפגעהויבן איר האנט נאך אמאל, ״די לערערין מיינט צו זאגן אז איך דארף לערנען פערציג יאר ׳תורת אביגדור פאר קינדער׳? אבער עס איז פאר קינדער און איך וועל מער נישט זיין קיין קינד און פערציג יאר ארום?״

״קודם כל, ׳תורת אביגדור פאר קינדער׳ איז הערליך שיין אפילו פאר ערוואקסענע.״ האט לערערין בערגער געזאגט ״אויך גרויסע ליינען דאס און אייביג איז דא עפעס א נקודה וואס מען קען זיך ארויסלערנען. און אוודאי בלייבט מען נישט שטעקן נאר ביי דעם גליון. מען לערנט אויך פון אנדערע ספרים און גליונות וואס זענען געאייגנט פאר פרויען.

אפילו א תלמיד חכם ווייסט אז ער מוז כסדר איבער׳חזר׳ן די תורה מיט רביים, רבנים, און גדולי התורה. און מען שטעלט זיך קיינמאל נישט אפ! מיר דארפן ווידמען אונזער גאנצער לעבן אויף צו לערנען, ווייל נאר אזוי קענען מיר ריכטיג זיין אן עובד השם.״

ווען דער גלאק האט געקלינגען איז רייזי צוגעגאנגען צו בתי׳ איר איבערבעטן, ״זיי מיר מוחל אז איך האב געזאגט אז ענקערע תפילות האבן נישט גע׳פועל׳ט. דער אויבערשטער זאל העלפן אז דיין שוועסטער זאל בקרוב טרעפן איר ריכטיגע זיווג הגון.״

״אמן!״ האט בתי׳ געענטפערט. ״און ווייסט וואס איך טראכט יעצט, געדענקסט לעצטע וואך ווען מיר האבן ענדליך מסיים געווען הלכות שבת זענען מיר געווען זייער פרייליך אז מיר האבן געענדיגט לערנען. אבער מיר דארפן געדענקן אז מיר האבן נישט עכט געענדיגט. מיר דארפן ווייטער לערנען און חזר׳ן די הלכות פאר נאך פערציג יאר!״

**הערט די מעשה פארציילט דורך דער בארימטער מחנך**
**הרה״ג ר׳ משה בערגמאן שליט״א**
**קול אביגדור 718-289-0899, דרוקט 2 און דערנאך #3**